## יידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 144 | Łódź, Piątek, 23 czerwca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ"ט סיון תרצ"ג | № 144 |
| --- | --- | --- | --- | --- |

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

פארק העלענאוו — מארגען, שבת דעם 24 יוני קומט פאר א גראנדיעזע

גארטען-פארוויילונג — Helenów

לטובת די בראכאוו-שולע. — אין פראגראם: קינדער-כאר אונטער ד. לייטונג פון קאמפאזיטאר הערץ רובין. 2 ארקעסטערן 2 / קאנצערט פון סימפא-נישען א-ה-סטער אונטער דער לייטונג פון פראפ. ט. רידער און פון בלאז-ארקעסטער פון ספארט-קלוב „שטערן".

א גרויסער ספארט-פעסט — גימנאסטישע אויפטריטען אויף דער עסטראדע און אויפן וואסער — אויסגעפיהרט דורך די פרויען און מענער גרופען פון ארב.-ספארט-קלוב „שטערן". — פלאסטישע טענץ און גימנאסטישע איבונגען פון קינדער-גרופען. אויפטריט פון דער שווער-אטלעטישער סעקציע פון ארב.-ספארט-קליב „פארווערטס". פיראמידן און לעבעדיקע בילדער.

גרויסע קינדער-פארוויילונג — דעפילאדע און שפילן אונטער באגלייטונג פון „שטערן"-ארקעסטער. א רייכע פאנטן-לאטעריע — א סך ווערטפולע פאנטן, צוו. אנדערע, א ראווער, א 3-לעמפלדיקער ראדיא-אפאראט, פאטא-גראפישע אפאראטן, קליידער און מענער-שטאפען, הינער, שעפסן, קאזעס, גאבעלינען און ביזשוטעריע.

עפעקטפולע באלייכטונג פון רעפלעקטארן —::— הערליכע אילומינאציע.

פרייליכע אטראקציעס און סורפריזן — ביליקער בופעט. — בילעטן צום פרייז פון 1 זל. און 50 גר. (פאר קינדער) צו באקומען אין דער בראכאוו-ביבליאטעק, אל. קאשציושקי 9, אין ספארט-קלוב „שטערן" (אל. קאשט. 9). אין פראפ. ארב.-פאריינען און מארגען שבת ביי דער קאסע פון העלענאוו.

לאדזער יודישער מוזיק-פעראיין „שיר"

מיטוואך, דעם 28 יוני 1933, 9 אווענד קומט פאר

א גרויסער קאנצערט

אין פראגראם: ג. פ. הענדעל „יהודה המכבי" אראטאריום אין 3 טיילען — אויסגעפיהרט דורכ'ן „שיר"-כאר

סנאבען-כאר פון דער גרויסער סינאגאגע.

לאדזער פילהארמאנישער ארקעסטער און סאליסטען: פרל. ס. קראפיוויק (סאפראן), פרל. ה. זשעבראווסקא (אלט).

(באס) משה קוסעוויצקי אובער-קאנטאר פון ווארשאווער טלאמאצקער סינאגאגע

גלענצענדער אראטאריום-זינגער פון בערלין ל. ריאזאנצעוו (באריטאן)

דירעקציע: פראפ. ל. פיילווישיס.

ביים קלאוויר: פרל. א. סוראוויטש.

פארק „העלענאוו"

בילעטן צום איינהייטליכען פרייז 1,09 זל. צו בעקומען אין רייזע-ביורא „וואגאן לי" פיעטריק. 64, צוקערניע פיעטריקאווער 12 (רוג פאלודניאווא) און ביי דער קאסע פון פארק „העלענאוו".

## קאמיטעט פאר די אנטי-היטלערישע ווירטשאפטליכע אקציע

לאדז, וואלטשאנסקא 37, טעל. 238-64

ערטיילט אינפארמאציעס וועגען פערשידענע איינקויפס-קוועלען אינלענדישע און אויסלענדישע (נישט דייטשע) אין די אמטס-שעה'ן.

3332




פאדערט איבעראל די בעקאנטע אינלענדישע אויסארבייטונגען פון דער פירמע „ליליפוט"

באק-פראשעק

צוקער-וואניליו

אלעיקעס צו געבעקס

בודיניעס

גאלארעטקעס

א. ז. ו. א. ז. ו.

זייט אויפמערקזאם אויף דער פאבריקס-מארקע „ליליפוט"




## „לינת אורחים" פיעטריקאווער 59

היינט, פרייטאג, ד. 23. יוני און שבת, פ' קרח, ראש חודש תמוז, וועט דאווענען דער בעריהמטער טאלאנטפולער קאלישער חזן און גרויסער מוזיקער

ה' משה פריים

ביי אונז אין די פריש-רעמאנטירטע זאלען פיעטריקאווער 59 מיט זיין בעריהמטען ערשטקלאסיגען טאלאנט און שטארקע שטימע, איבער-ראשט ער אלע צוהערער, און עס איז צו האפען, אז דעם שבת וועלען אלע מתפללים האבען א אמת'ן תענוג הרוח.

3386

בילעטען צו 1 זל. שוין צו בעקומען: 1) פעראיין „לינת אורחים" פעטריק. 59, 2) זעלמאנאוויטש (קאנדיטאריי), פאלודניאווא 2, 3) וויינבערג (קאנדיטאריי) נאוואמיעסקא 30. די הכנסה איז בעשטימט פאר'ן אויבענגען פעראיין.

## געלעגענהייטליך

איז צוליב אפריזע פריזווירדיג צו פערקויפען

א מאדערן-איינגעארדענטע לויט'ן נייעסטען סיסטעם

לאמפען-פאבריק

צוזאמען מיט א גאלוואנישען אנשטאלט

צו בעזיכטיגען פון מאנטאג ביז דאנערשטאג אין די שעה' פון 11–1 און פון 4–6 נאכם. וואלטשאנסקא 27, צווייטער הויף.

## אויפפאדערונג!

דערמיט פאדער איך אויף דעם לאקאטאר

יאסקאוויטש פון גדאנסקא 16

אזוי ווי ער איז מיר שולדיג פאר 4 יאהר דירה-געלד, בין איך בערייט איהם צו שענקען דאס געלד, אויב ער וועט מיר גוטוויליג ליידיג מאכען די וואוינונג ביז מיטוואך, דעם 28-טען יוני. אימפאלס נישט, וועל איך זיין געצוואונגען אויס-צופיהרען די עקסמיסיע און ער אליין וועט טראגען די קאנ-סעקווענצען דערפאר.

מיט אכטונג ס. ב. גוטמאן

גדאנסקא 16.

3349

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס אונ-זער געעהרטען פערוואלטונגס-מיטגליד און קאסירער

ה' אברהם גאלדבערג

צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

קיילה נ"ע

זאל אונזער מיטגעפיהל לינדערן דעם צער פון זיין גרויסער אבדה. זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דער 2. באלוטער קליינהענדלער-פליישער-פעראיין, קאלענבאך 4.

אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען א גרויסען ערפאלג

אנאנסען

# 20 יודישע כלל־טוער האָבען היטלעריסטען מערדערליך צושלאָגען

א י נ ס ב ר ו ק, 22 (ספ. טעל.)

פון בערלין ווערט מיטגעטיילט, אַז אַ היט־לעריסטישע אַפּטיילונג האָט אדורכגעפירט אַן אַנפאַל אויף אַ יודישען הויז, וואו עס האָבען זיך געפונען 20 יודישע כלל־טוער, וועלכע האָבען זיך בעראַטען וועגען דער הילפס־אַקציע פאַר'ן דייטשען יודענטום.

די היטלעריסטישע כיליגאַנעס האָבען אַלע אַרעסטירט און בעשולדיגט אין פּלאַנעווען אַ פערשווערונג.

זיי האָבען די אַרעסטירטע אַריינגעפירט אין אַ קעלער און זיי געשלאָגען מכות רצח.

זיי האָבען נישט געוואָלט אויסהערען קיין שום אויפקלערונגען.

די פאַמיליעס פון די אַרעסטירטע האָבען זיך געווענדעט צו דער פּאָליטישער פּאָליציי, וועל־כע האָט פעראָרדענט זיי צו בעפרייען.

אַלע זענען אהיימגעקומען צו'מוזיק'טע און צושלאָגענע ביז בלוט.

## היטלעריסטען ענטוואפנען די דייטש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס

ב ע ר ל י ן, 22 (ספ. טעל.)

אין גאַנץ דייטשלאַנד ווערט אַדורכגעפירט אַ ברייטע פּאָליציי־אישע אַקציע געגען די דייטש־נאַציאָנאַלע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס.

עס קומען פאָר גרויסע רעוויזיעס און אַרעסטען.

## שטאַהלהעלם אריינגעצויגען געווארען אין די היטלעריסטישע שטורם־אפטיילונגען

ב ע ר ל י ן, 22 (ספ. טעל.)

עס איז פאָרגעקומען אַ בעראַטונג צווישען קאַנצלער היטלער, וויצע־קאַנצלער פּאַפּען, רייכס־ווער־מיניסטער בלאָמבערג און אַרבייטס־מיניסטער פעלד.

נאָך דער בעראַטונג איז פעראָפענטליכט געוואָרען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכע דער שטאַהלהעלם ווערט אַריינגעצויגען אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישער בעוועגונג.

## היטלעריסטישע טעראר־אקטען אין עסטרייך

וויען, 22 (ספ. טעל.)

אַלס ענטפער אויף די רעפּרעסיעס, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג ווענדעט אָן געגען די היט־לעריסטען, ענטפערען די לעצטע מיט טעראָר־אַקטען.

אין דער פּראָווינץ קומען יעדען טאָג פאָר אַטענטאַטען פון היטלעריסטישע שטורמיסטען.

נעכטען ביינאַכט האָט אויפגעריסען אַ ייי־פעלס־מאַשין אויף דער באַהן־ליניע, נישט ווייט פון פעכטאלסדאָרף. די ליניע איז געוואָרען צושטערט.

אין אַ פאָרשטאָט אין וויען האָט מען דער־שאָסען אַ מיטגליד פון היימווער מיט'ן נאָמען זיסענבאָק.

אין צעלאָוויץ האָט אויפגעריסען אַ באָמבע, וואָס האָט צושטערט די וואַסער־ליטונג.

### יודען געדענקט!

היטלער פירט אַן אויסראָטונגס־פּאָליטיק געגען אייערע ברידער אין דייטשלאַנד; ענטפערט איהם:

## מיר באָיקאָטירען סחורות פון דייטשלאַנד!

## לעצטע נאַכט־דעפעשען

מאָסקווע, 22 (ספ. טעל.)

מיט גרויס פּאַראַד איז נעכטען פאָרגעקומען די לויה פון קלאַרא צעטקין.

* * *

ב ע ר ל י ן, 22 (ספ. טעל.)

מיניסטער געבעלס האָט אין אַ רעדע פאַר אַר־בייטער געזאָגט, אַז די היטלעריסטען וועלען אויס־בויען אַ סיסטעם, וואָס זאָל אַנטהאַלטען דורות.

* * *

לאָנדאָן, 22 (ספ. טעל.)

די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָט היינט אָפּ־געגעבען אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכע זי ערקלערט, אַז אַמעריקע וועט שטיצען די שטרעבונג צו קאָאָר־דינירען די מאָנעטאַר־פּאָליטיק און צו הויבען די פּרייזען.

מצד דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע ווערט נישט בעשטעטיגט, אַז רוזוועלט וועט קומען קיין לאָנדאָן.

* * *

ב ע ר ל י ן, 22 (ספ. טעל.)

די דייטשע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכע עס ווערט אָפּגעשטעלט יעדע טעטיגקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין גאַנץ דייטשלאַנד.

די דאָזיגע פּאַרטיי טאָר נישט פירען קיין שום פּראָפּאַגאַנדע.


טעאַטער „סקאַלא"
15 שרודמיעסקא 15

צעהנדליגער טויזענדער פריינד, פערעהרער און סימפּאַטיקער
קומען זיך געזעגענען מיט די גרויסע אַמעריקאַנער סטאַר־קינסטלער





לוסי און מישא
גערמאַן

וועלכע טרעטען אויף מאָרגען, שבת, 4 בייטאָג און 9 אוונט, זונטאָג, 12 בייטאָג און 9 אוונט

אין דער געזעגנונגס־פּרעמיערע דעם גרויסען וועלט־שלאַגער

„די אייביגע מאַמע"

אין 3 אַקטען, 4 בילדער פון סאַלמאַנאָוויטש. — רעזשי: מ. גערמאַן. — הויפּט־ראָלען: „פרידא" — לוסי גערמאַן, „נייט" — מישא גערמאַן.
עס נעהמען אַנטייל אויך די בעקאַנטע אַרטיסטען: שמואל לאַנדוי און מרדכי הילסבערג מיט'ן גאַנצען אַנסאַמבל. —::— מיט'ן אָרקעסטער פירט אָן דוד בייגעלמאַן.

„די אייביגע מאַמע"
שילדערט די ליידען און אָפּפערונג פון אַ מוטער פאַר איהרע קינדער.

„די אייביגע מאַמע"
פערכאַפּט די הערצער פון צושויער.

„די אייביגע מאַמע"
ווייזט די ליבע און טרייסטאַפּט פון אַ מוטער.

„די אייביגע מאַמע"
אין איהר נייעסטער אויפפאַסונג פון לוסי גערמאַן רופט אַרויס שטורמען פון בעגייסטערונג ביים פּובליקום.

מאָנטאָג, 9 אָוונט פון 60 גר. ביז 2.20
לעצטע פּאָפּולערע
געזעגנונגס־פאָרשטעלונג
ס'ווערט געשפּילט דער רעקאָרד פון ערפאָלג
מאַמע און שוויגער
מיט לוסי און מישא גערמאַן אין די טיטול ראָלען

פּרייזען פון די פּלעצער:
שבת 4 נאָכמיטאָג פּאָפּולערע פּרייזען
פון 60 גר. ביז 2.20
שבת 9 אָוועגר געוועהנליכע פּרייזען.
זונטאָג, 12 בייטאָג פּרייזען פון 50 גר. ביז 1.50
9 אָוועגד געוועהנליכע פּרייזען.

אַלע זענען גערירט פון פּרעכטיגען הערציגען ליד, וואָס ווערט געזונגען מיט גרויס מייסטערשאַפט דורך
לוסי גערמאַן
אָט דאָס איז דאָס ליד:

אייביגע מאַמע, ווער קען פיהלען דיין צער,
אייביגע מאַמע בלייבסט אייביג אַ נאַר,
ביזט מקריב דיין לעבען, דיין גליק און דיין געזונד,
מיט דיין האַרץ און דיין שטרעבען דערציהסט דו דיין קינד,
דו האָפסט אויף דער עלטער, דו וועסט האָבען נחת דערפאַר,
איין מאַמע קאָן אפילו פערזאָרגען קינדער צעהן,
צעהן קינדער לאָזען חלילה אַ מאַמע בעטלען געהן
אייביגע מאַמע, בלייבסט אייביג אַ נאַר.
א. אַז. וו. א. אז. וו.

בילעטען צו בעקומען ביי דער קאַסע פון טעאַטער „סקאַלא"

# פּיניעלע מזיק

## גיט לשון



אַי, ס׳איז הייס! די פּאַציאַנטען גייען שוין בּליאַנק — אין די בלויסע הויזען און מיט בלויסע קעפּ.

וואָלט איך געווען ראַך, וואָלט איך אָכעט גע־פאָהרען אויף פּאָוואָנזשע. בין איך דאָך אָבער אַ פּענטאַק, עלמיך באָדען אין סטוב.

מיינט עץ, אַז די וואָס בלוזען פון זיך, זענען נישט קאַ פּענטקעס? זאָג איך ענק, אַז די מיט די פּאַפּערס און סאַמאָכאָדניקעס קאַכען פאַר אַ יראָשען פונקט אַזוי ווי איך. זיי קענען באַר מאַכען די משוגענע קינץ: שראַבען און דרייען און מעקן און טאָמער זעהט ער, אַז ער אָט זיך באַדועסט, גייט ער פליישע און בלאַבט אַ שייבער יוד, און אַז איך, אויף אַ ליאַרע, מוז איך באַצולן, טאָמער נישט — פּיניעלע מזיק, באַרג מיר באַ עמיצען אַ פּיגוער. לייגט מען לאַטעס !...

יאָ, כ׳אָב דאָך ענק גאַר פערגעסען צו דערציי־לען: כ׳אָב דאָך געסקיצטשעט די ליודאָוועקע. כ׳אָב געקריגן אַ טאַרע צענזורקע — בלויז ניעסטאַטעטש־נעס מיט יעדינקעס.

אָבער, איך, פּיניעלע, פאַף אָף זייערע צענזור־קעס! על איך נישט זאַן קאַ יאַקטער. על איך נישקאַ מענשען מיט ריצעפּטען — אַ וואַשנע פאַך דאָס מאַכען קאַ מילכיגע קאַנעס. על איך נישט אַפּהיימען גאַנצע דאָקטאָרהאַ!

כ׳על מיך ניש לערנען קאַ פאַך אָכעט — כ׳על מיך לערנען ווערען אַ שאַצער אין סקאַרב און כ׳על פערטיידיגען קליינהענדלער — קעט שוין גוט זאַן ! ....

## פרויען=ספּאָרט

### פערענטפערט א קשיה

פאַרוואָס בעטייליגען זיך אַזוי ווייניג פרויען אין שווים־ספּאָרט ?

— גאָר פּשוט: צוויי זאַכען מיט אַמאָל: שווי־מען און רעדען קען מען נישט!...

## איז א יוני-נאַכט

### אויף אַ באַנק אין פּאָניאַטאָווסקי-פּאַרק

ער: דו ביזט מיין זון. דיינע אויגען זענען מיינע שטערען. ווען ס׳זאָל רעגענען פון צעבערס און דונערען מיט שטיינער...

זי: וואָס זאָל דאָס זיין: אַ מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאַט אָדער אַ ליבעס־ערקלערונג ?

# אין דער קאָנפעקציע=בראַנזשע

## אונטערגעהערטער געשפּרעך אויף נאַוואָמיעסקא גאַס

— נו, וואָס הערט מען ביי אייך פּאַניע האַל־בּערג, ווי געהען די געשעפטען?

— זיי געהען גאָר־נישט! דער גאַנצער היינטי־גער סעזאָן איז געווען פּופּצעהן גראָשען.

אייער געשעפט פאַר פּופּצעהן גראָשען?

— פּופּצעהן גראָשען? וואָס האָט איהר אין

— א שכנטע איז אַריינגעקומען טעלעפאָנירען.

# א רעצעפּט

## פאַר א לאַדזער בייכיגען גביר

צום ד״ר שיפּמאַן קומט אַריין אַ לאָדזשער גביר מיט דעם אָמת׳ן „בייכעל" פרעגען אַן עצה, ווי אַזוי אָפּצומאָגערען.

דער דאָקטאָר גיט איהם אויף אַ דיעטע: אַ פּעקעצל טרוקען ברויט, אַ קליין קאָטלעטל מיט אַ ביסעל פּאָמעראַנצען־זאַפט.

— זעהר גוט, פּאַניע דאָקטאָרשע, אָבער דאַרף איך דאָס נעהמען פאַר׳ן עסען אָדער נאָכ׳ן עסען? — האָט דער בייכיגער יוד געפרעגט.

# א וואָרנונג פאַר בחורים

## וואָס פאָהרען צו גאַסט אויף די דאַטשעס

גייע נישט מיט קיין מיידעל צווישען בוימער און בלומען, ווארום דאָס מיידעל קען דיך נאָך פערפיהרען אונטער די פיער חופה־דרענגלעך.

ווען ס׳ברענט די היץ, זוך נישט דיין רעטונג אויף דער פּליאַזשע, ווארום דאָרט קען זיך צו דיר חלילה צוקלעבען אַ מיידעל, און דו ביזט אַ בעגראַבענער לעולם ועד —

היט אייך, בחורים!

# מיניאַטורען

## פון משה נאַדיר

### די הוחז און דער אייער=סוחר

אַמאָל איז געווען אַ יוד — אַן אייער־סוחר, האָט ער, ווי די טבע איז פון אַלע אייער־סוחרים, געהאַנדעלט מיט אייער.

יעדען פרימאָרגען פלעגט ער פערפּאַקען די פּאָלעס פון זיין פערבלאָטיגטער בעקעשע, נעהמען אין דער האַנד אַריין אַ קוישעל און זיך אַוועקלאָזען אין דאָרף אַריין — נאָך אייער.

דער יוד — דער אייער־סוחר — האָט גאָר נישט געזעהען אַז אין דאָרף זענען פערהאַן צופיל הינט און... צו ווייניג אייער.

איינמאָל איז אונזער אייער־סוחר פערבייגעגאַנגען אַ גויאיש שטיבעל, און בעמערקט ווי אַ הוהן געהט דאָרט אַרום אין דרויסען זעהר נישט־אויפּ־געלעגט און קוואָקעט שרעקליך און מאַכט „באַ־באַ־נאַ־נאַ!"

— אַ מאָדנע הוהן! — האָט זיך אַרויסגעזאָגט דער אייער־סוחר — טאָמער דאַרף זי האָבען איין שטיקעל איי, איז טוט זיך חושך, וואָס זאָל איך נאָך זאָגען, אַז איך דאַרף האָבען עטליכע שאָק אייער יעדען טאָג ?

## אויף דער פּליאַזשע

### אויפ׳ן ל.ה.ס.=פּלאַץ

מערעל (צו דער קאַלעזשאַנקע): רעגינאַ, האָסט נישט מורא אַריינצוגעהען אין אַזאַ קאַלט וואַסער? איך האָב אַריינגעשטעקט אַ פוס, האָט מיר גענומען האַקען אַ צאָהן אין אַ צאָהן.

צווייטע: דאָס איז נאַרישקייטען! איך האָב צו דעם אַ גלענצענד מיטעל

— צום ביישפּיל?

— אײדער כ׳געה איך וואַסער אַריין, טון איך, נעם צום האַבען.

# פון די חסידישע תורות

## הלעיטני נא

בעת דער מלבים איז געווען רב אין קעניגסבערג, האָט ער אַמאָל שפּאַצירט אין גאָרטען, האָט איהם אָנגעטראָפען אַ דאָרטיגער בעל־הבית און זיך גאַנץ העפליך בעגריסט, דאַביי בעט ער דעם מלבים ער זאָל איהם ענטשולדיגען וואָס ער גיט איהם נישט די האַנד, דען ביידע הענד זענען איהם פערנומען: אין איינער האַלט ער דעם קאַפּעלוש און אין דער צווייטער דעם שטעקען.

דער מלבים האָט איהם דעריוף געענטפערט, אַז יעצט פערשטעהט ער די סיבה פאַרוואָס עשו האָט געזאָגט צו יעקב׳ן ער זאָל איהם אַריינשיטען די אַרבעס אין מויל! מסתם האָט עשו אויך געהאַלטען אין איין האַנד דעם הוט און אין דער צווייטער דעם שטאָק, האָט ער דעריבער געמוזט בעטען אַז יעקב זאָל איהם שיטען אין מויל אַריין...

# פּאַטערליכע געפיהלען

## וואָס דער תליון ווינשט זיין זוהן

דעם תליון׳ס זוהן איז אַלט געוואָרען אַכצעהן יאָהר. ער האָט איינגעאָרדענט אַ באַל, און דערביי האָט ער פאַר דעם זוהן געהאַלטען אַ דרשה, וועלכער ער האָט געענדיגט אַזוי:

היינט איז אַ וויכטיגער טאָג אין דיין לעבען! דו ווערסט היינט אַכצעהן יאָהר, פון היינט אָן ביזטו שוין אַ בירגער, קענסט שוין אַפילו פערמשפּט ווערען צום טויט!

# אין קאַליע-גאָרטען

— גלויבט צו גאָט, זאָגט אַ יוד צום אַנדערען — כ׳האָב די יאָהן אויסגעגעבען די אַכטע טאָכטער.

— די אַכטע טאָכטער? איז דאָך איין זאַך אַ באַרג פון די פּלייצעס.

— זייט מיך נישט מקנא — די 7 עלטערע זע־נען צום האַבען.

—:O:—

# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

• צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 144 — פרייטאַג, דעם 23 יוני 1933

# ער האָט מורא צו פאָהרען אויף א דאַטשע




האָט ער זיך איינגעאָרדענט א „ווינגאָרנע" דאַטשע אין קאַליע-גאָרטען.

